**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול און מאיאריטעט פירער שומער אנאנסירן גרויסע סעמיקאנדוקטאר סופליי-טשעין פאבריצירער עדווארדס וואַקיום צו בויען 319 מיליאן דאלערדיגע איינריכטונג אין דזשענעסי קאונטי**

***בריטיש-באזירטע פירער אין סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע וועלן בויען 240,000 סקווער-פיסיגע איינריכטונגען, שאפן 600 דזשאבס ביי מערב ניו יארק׳ס ׳STAMP וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק׳***

***אינוועסטירונג בויט אויף היסטארישע 100 ביליאן דאלערדיגע פארשפרעכונג פון ׳מייקראן טעקנאלאדזשי׳, פארשטערקערט ווייטער אפסטעיט ניו יארק׳ס פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און סעמיקאנדוקטאר קארידאר***

***איז א הוספה צו ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ — דער ראיאָן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן בליען דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול און יו-עס סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האבן היינט אויסגעמאלדן אז ׳עדווארדס וואקיום׳, א בריטיש-באזירטע וועלטס-פירער אין וואקיום און אבעיטמענט געצייג אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע און טייל פון דעם אטלאס קאפקא גרופע, האט אויסגעוועלט דעם מערב ניו יארק ׳וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק׳ וואס געפונט זיך איז דזשענעסי קאונטי, אלס דעם ארט פאר זייער נייעם 319 מיליאן דאלערדיגן יו-עס דריי-פאמפ פאבריק. די דריי-פאמפ טעכנאלאגיע וואס וועט פראדוצירט ווערן ביי דער נייער איינריכטונג איז א העכסט-נייטיגע באשטאנדטייל צו קאנטראלירן דעם שטארק סענסיטיוון סביבה פון סעמיקאנדוקטאר פראדוקציע פראצעסן. פאזע איינס פון ׳עדווארדס וואקיום׳ס׳ 240,000 סקווער-פיסיגע קאמפוס רעכנט אריין מעניופעקטשורינג, ווערהאַוס און אדמיניסטראציע. די נייע פארשפרעכונג פון אן אלוועלטליכע פירער אינעם סעמיקאנדוקטאר מעניופעקטשורינג סופליי-טשעין צו אינוועסטירן אין ניו יארק סטעיט בויט אויף דער מעלדונג אז ׳מייקראן׳ אינוועסטירט א פרעצעדענטלאזע 100 ביליאן דאלער אין צענטראל ניו יארק.

״די גרויסע אינוועסטירונג פון ׳עדווארדס וואקיום׳ בויט אויף אונזער מאמענטום אין מאכן ניו יארק א פירער אין סעמיקאנדוקטאר פראדוקציע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אויף די שפורן פון ׳מייקראן׳ס 100 ביליאן דאלערדיגער פארשפרעכונג צו צענטראל ניו יארק, ווי אויך ניו יארק׳ס ׳גרין CHIPS׳ לעגיסלאציע און דער פעדעראלער ׳CHIPS און וויסנשאפט אקט׳, זענען מיר בעסער פלאצירט פון סיי ווען פריער אויף צו מאכן ניו יארק אן אלוועלטליכן צענטער פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און צוציען די דזשאבס פונעם צוקונפט. איך בין זייער דערפרייט אויפצונעמען ׳עדווארדס וואקיום׳ צו דזשענעסי קאונטי, און איך קוק ארויס מיט חשק צו ארבעטן מיט זיי אינאיינעם, ווי אויך אונזערע ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער אזוי ווי זיי מאכן ניו יארק זייער היים.״

״דער ׳CHIPS און וויסנשאפט אקט׳ ליפערט ווידעראמאל פאר אפסטעיט ניו יארק,״ **האט געזאגט סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער.** ״איך בין באגייסטערט אויסצומעלדן ׳עדווארדס וואקיום׳, א גרויסער שפילער אין סעמיקאנדוקטאר סופליי-טשעין, וועט באלד באקרעפטיגן דזשענעסי קאונטי מיט אן איבער 300 מיליאן דאלערדיגע פאבריק און 600 גוט באצאלטע דזשאבס! פון ׳מייקראן׳ס׳ גרויסע אינוועסטירונג אין צענטראל ניו יארק און ׳וואלפספיד׳ס׳ נייע פעב אין מארסי, ביז ׳אנסעמיי׳ס׳ באלדיגע אנהייב אין דער הודסאן וואלי און ׳גלאבאל פאונדריס׳ בויענדיג א נייעם פעב אין דעם קאפיטאל ראיאן, און אצינד, מיט עדווארד׳ס צוגעבן קראפט צו אונזער סעמיקאנדוקטאר סופליי-טשעין ביי מערב ניו יארק׳ס STAMP ארט, ווערט אפסטעיט דעם אלוועלטליכן צענטער פאר׳ן טשיפ אינדוסטריע. איך האב געזאגט פאר ׳עדווארדס וואקיום׳ס׳ הויכראנקיגע באאמטע פאריגע חודש אז עס איז נישט דא קיין בעסער׳ן ארט ווי STAMP צו פלאצירן א נייעם פאבריק און עס פריידט מיך אז זיי האבן אויסגעהארכט מיין באראטונג. מיט מיין ׳CHIPS און וויסנשאפט אקט׳ אלס דעם בליץ שטאנג, זעען מיר אצינד ווי ענערגיע פליסט אריין אין אפסטעיט מעניופעקטשורינג סעקטאר ווי קיינמאל פריער, און די אינוועסטירונג וועט ווייטער צעמענטירן דאס אז דעם צוקונפט פון מייקראטשיפס וועט געבויט ווערן מיר אמעריקאנער-פאבריצירטע פראדוקטן, געשאפן דורך ניו יארקער ארבעטער.״

**׳עדווארד׳ס׳ סעמיקאנדוקטאר ביזנעס פרעזידענטקע קעיט ווילסאן האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אז מיר מעלדן דער נייער איינריכטונג אין סטעיט ניו יארק. מיט אן הינטערגרונד פון שטייגנדע פארלאנג, קלאר אנווייזנדיג א גרעסערע נויט פאר אינוועסטירונג אין פאבריצירונג פעאיגקייטן וואס געפונען זיך נאענט צו אונזערע קאסטומערס, זעצן מיט פאר ווייטער צו פארשפרעכן באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער אפעראציע פארנעם. דאס איז קריטיש-וויכטיג אויף צו פארזיכערן אז מיר האלטן אן אונזער פאסטן אלס דער וואקיום און אבעיטמענט אויסגעוועלטער צוזאמארבעטער פאר דער אלוועלטליכער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע.״

׳עדווארדס וואקיום׳ וועט צושטעלן אינערליכע טרענירונג און בילדונג, ערמעגליכנדיג פאר יעדן ארבעטער צו עקספלארירן פאראויס-פירן זייערע קאריערע געלעגנהייטן. אין צוגאב איז ׳עדווארדס׳ אנטשלאסן צו רעקרוטירן איינטריט-גראד ארבעטער פון קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן און זיך אנצושליסן מיט עקזיסטירנדע קאמיוניטי-באזירטע רעקרוטירונג און טרענירונג פראגראמען, אויף צוצושטעלן סיי לייכטע פעאיגקייטן און סיי טעכנישע געניטשאפט וואס וועט צושטעלן באשעפטיגונג געלעגנהייטן וועלכע זענען פריער נישט געווען צו באקומען אין יענע קאמיוניטיס.

דער מערב ניו יארק ׳וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק׳ (STAMP) איז א 1,250-עיקערדיגע מעגא-ארט ביים סאמע פארנט פון ׳גרינע׳ מעניופעקטשורינג אויפבלי אין ניו יארק. געבויט אויף צוצושטעלן הויכע קאפאציטעט, ביליגע באנייבארע עלעקטרישע קראפט אין א סטראטעגישע לאקאציע אין דעם באפעלאו-ראטשעסטער טעק קארידאר, האט STAMP צוגעצויגן איבער 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג דורך אינאווירנדע פירמעס. מיט איבער 500 עיקערס גרייט אויף צום בויען אויפ׳ן ארט, 1.1 מיליאן מענטשן אינערהאלב 30 מייל און 30,000 יערליך איינגעשריבענע אינזשינערונג סטודענטן ביי דערנעבנדע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, איז STAMP אמבעסטן פלאצירט אויף צוצויאגן ניו יארק׳ס אויפשטייגנדער סעמיקאנדוקטאר פראדוקציע, פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און באנייבארע פאבריצירונג אינדוסטריעס.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״צוציען סופליי-טשעין צוזאמארבעטער אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע איז דאס שליסל צום בויען א שטערקערן עקא-סיסטעם אין ניו יארק סטעיט. ׳עדווארדס וואקיום׳ס׳ אויסוואל פון STAMP פאר איר נייע איינריכטונג צעמענטירט ווייטער ניו יארק סטעיט אלס א פירער אין דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע.״

**ניו יארק פּאַוער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פּרעזידענט און CEO דזשאַסטין אי. דריסקאָל האָט געזאָגט,** ״׳עדוואַרדס וואַקיום׳ס STAMP אינוועסטירונג איז מעיד אויף ניו יאָרק׳ס אויפשטייג אַלס אַן אַלוועלטליכן פירער אין סעמיקאַנדוקטאָר פאַבריצירונג. שאַפן פאַרלעסליכע סופּליי-טשעין צוזאַמאַרבעטער איז קריטיש-וויכטיג צו דער סעמיקאַנדוקטאָר אינדוסטריע, און די סאָרטן פּראָיעקט ווייזן אַרויס די אייגנאַרטיגע אייגנשאַפטן פון ניו יאָרק וואָס וועט העלפן די אינדוסטריע אויפשטייגן דאָ.״

אַלס טייל פון דעם אָפּמאַך מיט ׳עדוואַרדס וואַקיום׳, האָט ESD אָנגעבאָטן ביז 21 מיליאָן דאָלער אין אַ קאָמבינאַציע פון פונקציע-באַזירטע ׳עקסעלסיאָר דזשאָבס שטייער קרעדיט׳ און נאָך 1 מיליאָן דאָלער צו שטיצן אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג און די טרענירונג פון אַ פילפאַרביגע און אַריינגענומיגע אַרבעטסקראַפט אין אויסטויש פאַר 600 נייע פול-צייטיגע דזשאָבס ביי דער לאָקאַציע. אין צוגאַב וועט דער ניו יאָרק פּאַוער אויטאָריטעט באָורד פון טראַסטיס איבערקוקן אַן אַפּליקאַציע פאַר ביליגע ניאַגאַראַ הײדראָ-פּאַוער ביי אַ צוקונפטיגע פּובליק זיצונג.

׳עדוואַרדס וואַקיום׳ איז ערוואַרטעט זיך צו ווענדן צו שליסן אָפּמאַכן צו אַ שפּעטערע צייט מיט דעם דזשענעסי קאָונטי עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג צענטער צו שטיצן די פירמע׳ס אינוועסטירונג ביי STAMP דורך פּראָפּערטי, פּאַרקויפונגען און מאָרטגעדזש שטייער הילף. די פאָדערונג וועט שטיצן דעם גרעסטן אַרבעטסקראַפט און קאַפּיטאַל אינוועסטירונג פאַרגעשלאָגן דורך סיי וועלכע פירמע ביי אַ GCEDC-אַנטוויקלטע אָרט.

פאַריגע חודש, [האָט סענאַטאָר שומער פּערזענליך געררופן ׳עדוואַרדס וואַקיום׳ פּרעזידענט, געערט פּאַלענס, צו מוטיגן די אַלוועלטליכע סופּליי-טשעין פירמע זיך צו פאַרברייטערן אין אַפּסטעיט ניו יאָרק]. סענאַטאָר שומער׳ס בייפּאַרטיזאַנער ׳CHIPS און וויסנשאַפט אַקט׳ שאַפט אַן אינוועסטירונג שטייער קרעדיט פאַר סעמיקאַנדוקטאָר פאַבריצירונג איינריכטונגען און סופּליי-טשעין צוזאַמאַרבעטער ווי למשל ׳עדוואַרדס וואַקיום׳ ווי אויך אַן ערשט-פון-איר-סאָרטיגע 52 ביליאָן דאָלער אין פעדעראַלע אינצענטיוון צו טרייבן אַמעריקאַנער סעמיקאַנדוקטאָר פאָרשונג, אַנטוויקלונג, מעניופעקטשורינג און אַרבעטסקראַפט טרענירונג צוריקצוברענגען די גוט באַצאָלטע דזשאָבס פון אויסלאַנד, פאַרשטאַרקערן נאַציאָנאַלע זיכערהייט, און צוריק אַוועקשטעלן אַמעריקע׳ס טעכנאָלאָגישע פירערשאַפט. דער ביל פאַרלאַנגט פון באַקומער פון די אינצענטיוון צו מאַכן באַדייטנדע אַרבעטער און קאָמיוניטי אינוועסטירונגען וועלכע שטיצן יושר׳דיגע עקאָנאָמישע אויפשטייג. ׳עדוואַרדס וואַקיום׳ איז ערוואַרטעט אויך זיך צו ווענדן פאַר אינצענטיוון אונטער דעם ׳CHIPS און וויסנשאַפט אַקט׳. [שומער האָט לאַנג געשטיצט STAMP׳ס אַנטוויקלונג] און צוציען נייע סעמיקאַנדוקטאָר און פאַרגעשריטענע פאַבריצירונג פירמעס צו געפינען ביי STAMP. שומער האָט געזאָגט אַז די נייע פעדעראַלע און סטעיט אינוועסטירונגען שאַפן אַ נייע ׳ערי קאַנאַל׳ לענגאויס אַפּסטעיט ניו יאָרק דורך צוציען טויזנטער נייע דזשאָבס אין דער סעמיקאַנדוקטאָר אינדוסטריע פון דער הודסאָן וואַלי צו מערב ניו יאָרק׳ס STAMP.

סעמיקאַנדוקטאָרס, און זייערע סופּליי-טשעין צוזאַמאַרבעטער, זענען העכסט-נייטיג צום לאַנד׳ס עקאָנאָמישע שטאַרקייט, דינענדיג אַלס דער נערוון צענטער פון מאָדערנע עלעקטראָניקס, און ערמעגליכן טעכנאָלאָגיעס קריטיש צו אַמעריקע׳ס עקאָנאָמישע בליאונג, נאַציאָנאַלע זיכערהייט, און אַלוועלטליכע פאַרמעסטערישקייט. די אינדוסטריע באַשעפטיגט דירעקט איבער 277,000 מענטשן אין די פאַראייניגטע שטאַטן און שטיצט איבער 1.8 מיליאָן דאָלער אין נאָך אין-לאַנדישע דזשאָבס. סעמיקאַנדוקטאָרס זענען אַ העכסטע פינף יו-עס עקספּאָרט פּראָדוקט, און די אינדוסטריע איז דער נומער איינס ביישטייערער צו אַרבעטסקראַפט פּראָדוקטיוויקייט, שטיצנדיג פאַרבעסערונגען צו דער ווירקזאַמקייט און גינציגע פונקציע פון באַלד יעדן עקאָנאָמישן סעקטאָר — פון פאַרמערײ ביז מעניופעקטשורינג. פריער דאָס יאָר האָט גאָווערנער האָקול אונטערגעשריבן ניו יאָרק׳ס לאַנד-וועגווייזיגע ׳גרין CHIPS׳ לעגיסלאַציע אַלס געזעץ אויף צוציען ערשטראַנקיגע סעמיקאַנדוקטאָר

פאבריצירונג ביזנעסער צום סטעיט און שאפן פארשפרעכונגען צו גוט באצאלטע דזשאבס, שטאנדהאפטיגקייט און קאמיוניטי בענעפיטן.

סופליי-טשעין פראבלעמען און א נידערגאנג אין אמעריקע׳ס חלק פון אלוועלטליכע טשיפ פראדוקציע פאראורזאכן פארמיידליכע שוועריגקייטן צו יעדן הינזיכט פון דער עקאנאמיע. די אפשוואכונג פון יו-עס טשיפ פראדוקציע שטעלט דעם לאנד אין א סטראטעגיש אומגינציגע צושטאנד אין עטליכע קריטיש-וויכטיגע ערטער, אריינגערעכנט נאציאנאלע זיכערהייט, טעכנאלאגישע אינאוואציע און עקאנאמישע בליאונג און זעלבסטשטענדיגקייט. וויבאלד איבער 300 אינדוסטריעס ניצן טשיפס — פון קאַרס ביז סעלפאנס — טוט זייער מאנגל אויפטרייבן פרייזן אין פארגלייך צו אנדערע קאָנסומער פראדוקטן. ׳עדווארדס וואקיום׳ס׳ נייע איינריכטונג וועט פלאצירן ניו יארק סטעיט אלס א נאציאנאלע פירער אין צוריקברענגען צום לאנד העכסט-נייטיגע סעמיקאנדוקטאר דזשאבס צו אמעריקע.

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״דאס איז גענוי די סארט אינוועסטירונג וואס דער פעדעראלער ׳CHIPS און וויסנשאפט אקט׳ וואס איך האב געהאלפן דורכפירן איז געצילט אויף צו פארמיטלען. מיר נעמען קאנקרעטע טריט צו פארשטערקערן אונזער סופליי-טשעין, פארשטערקערן מעניופעקטשורינג און מאכן בליען אונזער ארטיגער עקאנאמיע — ברענגנדיג גוט באצאלטע דזשאבס צו אונזער קאמיוניטי. איך בין שוין פון לאנג אן געווען א שטיצער פון דער STAMP איינריכטונג, און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול, סענאטאר שומער און מיינע צוזאמארבעטער אין רעגירונג פאר זייער אנטשלאסנקייט צו אינוועסטירן אינעם צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי.״

**דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער שעלי סטיין האט געזאגט,** ״מיר זענען גאר שטאלץ אז STAMP וועט זיין דעם ארט פון דער גרעסטער עקאנאמישער אנטוויקלונג אינוועסטירונג אין די געשיכטע פון דזשענעסי קאונטי. אין נאמען פון מיינע קאלעגעס אין דער דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור נעמען מיר אויף מיט צופרינדהייט ׳עדווארדס וואקיום׳ צו אונזער קאמיוניטי און מיר קוקן ארויס צו זייער ערפאלג דא און די קאריערע געלעגנהייטן וואס זיי וועלן צושטעלן פאר אונזערע שווער-ארבעטנדע איינוואוינער. די אויסמעלדונג ווייזט די פלייסיגע פאקוס פון דזשענעסי קאונטי צו פלאנירן, צוגרייטן און אויפנעמען 21׳סטע יארהונדערט פאבריצירונג צו אונזער קאונטי.״

**טאון אָוו אלאבאמא סופערווייזער ראב קראסען האט געזאגט,** ״אונזער מיטגעטיילטע וויזיאן דורכ׳ן אנטוויקלען STAMP איז צו שפילן א ראלע אין ברענגען נייע דזשאבס און אינוועסטירונגען צו דזשענעסי קאונטי און צו פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר אונזערע איינוואוינער. דאס לעצטע האט זיך אנגעהויבן דורך פארשטערקערטע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, איבערהויפט וואס אנבאלאנגט וואסער סערוויסעס, און מיר זענען דערפריידט אז STAMP און אונזער קאמפאניס ציעט צו פאבריצירונג פירמעס און גוט-באצאלטע דזשאבס.״

**פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיט-פארזיצער, ׳גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳ פרעזידענט און CEO באב דאפי און SUNY דזשענעסעא פרעזידענטקע דעניס בעטעלס האבן געזאגט,״**מיר גראטולירן ׳עדווארדס וואקיום׳ אויף דעם אויסגעצייכנטן פראיעקט, און נעמען זיי אויף מיט צופרינדהייט צום דעם סטעיט-אָוו-דע-אַרט מערב ניו יארק ׳וויסנשאפט, טעכנאלאגיע און פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק׳ אין דזשענעסי קאונטי. די הויכע קוואליטעט דזשאבס וועלן העלפן ענערגיזירן די ראיאנישע עקאנאמיע, ווייטער פירן איר רעפוטאציע אלס דעם צענטער פון טעכנאלאגיע און פארשריט.

**סטיוו הייד, דזשענעסי קאונטי עקאנאמישע אנטוויקלונג צענטער פרעזידענט און CEO, האט געזאגט,** ״עס איז דא א לאזונג אז עקאנאמישע אנטוויקלונג איז א מאראטאן און נישט קיין ספרינט, און דאס איז געווען אונזער מהלך צו STAMP פון ווען אן עס איז געווען א מושג אויף פאפיר איבער א

צענדליג יאר צוריק. צוליב דעם איז אזוי דערפרייענד צו זען ווי די אומוואקלדיגע און געצילטע צוגאנג רעזולטירט אין באדייטנדע רווחים אויף דער אינוועסטירונג וואס איז געמאכט געווארן במשך די יאר דורך אונזער פובליק און פריוואטע סעקטאר צוזאמארבעטער און ספעציעל דורך סענאטאר שומער און גאווערנער האוקול דורך דער היינטיגער מעלדונג. די מעלדונג ווייזט אז STAMP און אונזער ראיאן זענען די אידעאלע לאקאציע פאר סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע אויפשטייג.״

**גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ פרעזידענט און CEO מעט הורלבוט האט געזאגט,**
״׳עדווארדס וואקיום׳, אן אינאוואטיווע וואקיום געצייג פאבריצירער וואס דינט דער סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע, פארברייטערט זיך ביי דעם מערב ניו יארק ׳וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק׳ אין דעם גרעיטער ראטשעסטער, ניו יארק, ראיאן צו קאפיטאליזירן אויף דעם מעגא-ארט׳ס אייגנארטיגן אינפראסטרוקטור, וואס נעמט אריין פארלעסליכע, ביליגע הײדראָ-פּאַווער און אומבאגרעניצטע וואסער סופליי. ראטשעסטער, ניו יארק, איז אויך צוציענד צוליב די קאנצענטראציע פון הויך געניטע טאלאנט מיט מעכאנישע און עלעקטרישע אינזשינערונג קענטעניס און ראיאנישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צוזאמארבעטער וועלכע באטן אן זאמלבארע קרעדענציאל פראגראמען און סערטיפיקאט פראגראמען צו טרענירן ׳עדווארד וואקיום׳ס׳ צוקונפטיגע ארבעטסקראפט. GRE האט פארבינדן ׳עדווארדס וואקיום׳ צו פילצאליגע עקאנאמישע אנטוויקלונג רעסאָרסן צו שטיצן די פארברייטערונג אין ראטשעסטער און וועט ווייטער שטיצן די פירמע אזוי ווי דער פראיעקט ווערט ארויסגעפירט.״

די גרויסע אינוועסטירונג גיבט צו צו ניו יארק׳ס שוין פון פריער פעסט אוועקגעשטעלטע סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. אין צוגאב צו ׳מייקראן׳ס׳ גרויסע 100 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין צענטראל ניו יארק, האט ניו יארק מערערע אלוועלטליכע אינדוסטריע טשיפּ פירער ווי ׳גלאבאל פאונדריס׳, ׳וואלפספיד׳, ׳אנסעמי׳ און IBM. ניו יארק איז אויך דער היים ארט פון דעם וועלט-בארימטן אלבאני נענאָטעק קאמפלעקס, וואס איז מולטי-ביליאן-דאלערדיגע פובליק-פריוואטע שותפות, פון וואס עס באשטייט די מערסט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע, פובליק באזיצטע, 300-מילימעטער סעמיקאנדוקטאר פארשונג און אנטוויקלונג איינריכטונג און צוזאמברענגען פרעמיערע אוניווערסיטעטן און פירנדע אינדוסטריע שפילער צו טרייבן טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע ׳קאטינג-עדזש׳ אנטוויקלונג. צוליב די אומערמידליכע שתדלנות פון גאווערנער האוקול און סענאטאר שומער, טוען אזעלכע סעמיקאנדוקטאר סופּליי-טשעין פירמעס ווי ׳עדווארדס׳ אויך בליען. פריער דאס יאר האט ׳קאָרנינג אינק.׳ אינוועסטירט 139 מיליאן דאלער, שאפנדיג איבער 270 נייע דזשאבס אין מאנראו קאונטי נאכצוקומען די פארלאנגען פון דעם אויפשטייגנדן סעמיקאנדוקטאר מארקעט.

**איבער ׳עדווארדס וואקיום׳**
׳עדווארדס׳ איז דער פירנדער אנטוויקלער און פאבריצירער פון סאפיסטיקירטע וואקיום פראדוקטן, גאז-ארויסלאז ווירטשאפט סיסטעמען און פארבינדענע ווערד-צוגעגעבענע סערוויסעס. די זענען אינטעגראל צו פאבריצירונג פראצעסן פאר סעמיקאנדוקטאר, פלאכע-פאנעל עקראנען, LED׳ס און סאָלאַר ענערגיע צעלס; ווערן געניצט אינערהאלב א כסדר-שטייגנדע פילפארביגע ריי אינדוסטריעלע פראצעסן אריינגערעכנט עלעקטרישע קראפט, גלאז און אנדערע באדעקונג אנווענדליכקייטן, שטאל און אנדערע מעטאלוריגיע, פארמאסיוטיקעל און כעמיש; און פאר סיי וויסנשאפטליכע געצייג און א ברייטע ריי R&D אנווענדליכקייטן.
׳עדווארדס׳ האט איבער 8,000 ארבעטער איבער דער וועלט באשעפטיגט אין דאס אויספלאנירן, פאבריצירן און שטיצן הויכע טעכנאלאגיע וואקיום און גאז-ארויסלאז פארוואלטונג געצייג און האט סטעיט-אָוו-דע-אַרט פאבריצירונג איינריכטונגען אין אייראפע, אזיע און צפון אמעריקע.

׳עדווארדס׳ איז טייל פון דעם ׳אטלאס קאפקא גרופע׳ (NASDAQ OMX Stockholm: ATCO A, ATCO B), א שוועדן-באזירטע פארזארגער פון אינדוסטריעלע פראדוקטיוויקייט לייזונגס-מיטלען.

מער אינפארמאציע איבער ׳עדווארדס׳ קען מען געפונען אויף www.edwardsvacuum.com.

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**
דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע קען מען געפונען דא.

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**
״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״ איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ״איי לאָוו ניו יארק״ קאמפיין, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״, באזוכט http://www.regionalcouncils.ny.gov/ און http://www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418